# LIVING TORAH

## פרשת אמור

### בס״ד. ל״ג בעומר ה׳תש״מ – בעת ה״פאראד״

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

אין צוגאָב צו דער עיקר מצווה אז מ׳דאַרף ציילן די טעג וואָס פאַרבינדן זמן חרותנו (דעם יציאה. ויציאה) ״ויוציאך מארץ מצרים״ מיט חג השבועות וואָס דאָס איז ״זמן מתן תורתנו״ (מיט פאר..) מקבל זיין די תורה וואָס דער אויבערשטער גיט יעדערער פון אונז,

איז אויך דאָ פון דער מצווה אַן אָפּלערנונג וואָס מ׳קען איר אויך אויסנוצן אין צוזאַמענהאַנג און אין אַ המשך צו דערצו וואָס ס׳האָט זיך גערעדט פריער, אז כאָטש אפילו מ׳האָט דאָך די הבטחה אַז דער אויבערשטער וועט אַרויסנעמען יעדער אידן און אַלע אידן פון גלות, בעט מען זיך און מ׳איז מתפלל - מ׳דאַוונט יעדער טאָג אז דאָס זאָל זיין וואָס פריער און וואָס שנעלער, (מיט דער זריזות) מיט דער גרעסטע זריזות ״אחישנה״ וואָס ס׳קען זיין,

אַזוי דאַרף אויך זיין די אויפפירונג — די הנהגה — פון יעדער אידן, אָנהויבנדיק ווען ער איז נאָך גאָר קליין, אַ קליינער אינגעלע אדער אַ קליינע מיידעלע, אז ער ציילט זיינע טעג.

ניט ער רעכנט אַז ער (האט) קען טאָן אַ זאַך, איז ניט אַזוי וויכטיג ציילן דעם טאָג, וועט ער דאָס טאָן ניט היינט — האָט ער צייט מאָרגן אדער איבערמאָרגן,

זאָגט מען אויף דערויף, אז פונקט אַזוי ווי ס׳איז בטבע האדם — דאָס איז נאַטירלעך, און זעלבסטפאַרשטענדליך אז בשעת מ׳האָט אַ טייערע זאַך האלט מען דאָס אין ציילן, כדי חס ושלום ס׳זאָל ניט גיין פאַרלאָרן קיין טייל פון דער טייערע זאך, וואָרום וויבאַלד אז די זאַך איז טייער איז אפילו אַ טייל דערפון - און אַ גאָר קליינע טייל דערפון - איז ביי אים אויך טייער, ציילט ער די זאַך מיט אירע טיילן, מיט אַלע אַיינצלהייטן,

אַזוי זאָגט מען אָן אַ אידן, אז ס׳דאַרף זיין די ציילונג פון די טעג, אַז בשעת דער אויבערשטער גיט און באַלעבט און שיינקט אַ טאָג, דאַרף דאָס זיין ״ימים יוצרו״: ער דאַרף וויסן אז דאָס איז דער טייער׳סטער זאַך וואָס דער אויבערשטער האָט אים געגעבן, נאָר ער האָט אים געגעבן די בחירה — די מעגלעכקייט — ער זאָל מאַכן פון דעם טאָג - בדוגמא ווי דער טאָג פון ל״ג בעומר - אַ שמחה טאָג, אין וועלכע ס׳פרייט זיך ״ישמח ה׳ במעשיו״ — דער אויבערשטער פרייט זיך מיט די זאַכן וואָס ער האָט באַשאַפן וואָס זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן ״בראשית״ ״בשביל ישראל שנקראים ראשית״ — צוליב אידן, און דאָס איז דורך דערפון וואָס ״ישמח ישראל בעושיו״ דער אויבערשטער [איד] פרייט זיך מיט׳ן אויבערשטן, מיט וועלכען ער איז פאַרבונדן דורך מקיים זיין זיינע מצוות און לערנען זיין תורה,

ציילט ער יעדען טאג, און דאָס ברענגט עם ער זאָל (פאר..) אָפּשאַצן די טייערקייט פון יעדען טאָג, ער זאָל דאָס אויסנוצן און באַנוצן אַז דאָס זאָל ווערן אַ טאָג וואָס דאָס ווערט אַ מצווה-טאָג, דער יעדער רגע פון דעם טאָג איז דאָס אַ טאָג פון די טעג פון ספירת העומר,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת אמור

איז אָט-דאָס לערנט מען אָפּ פון די אַלע טעג פון ספירת העומר, אז מ׳מאַכט פון יעדער טאָג פון זיי, און דאָס נעמט מען דערנאָך מיט אַף אַלע טעג פון דעם גאַנץ יאר, אז יעדער טאָג זאָל ווערן אַ טאָג אַנגעפילט מיט מצוות, במילא וועט ער ווערן אַ יום שמחה – און אַ שמחה גדולה, אַ טאָג פון שמחה און אַ גרויסע שמחה,

און אָנהויבן אין דעם און באַווייזן די וועג אין דעם איז ״בנינו עורבים בעדינו״ – דאָס איז איבערגעגבן געוואָרן די שליחות צו יעדער קינד און אַלע אידישע קינדער, אין יעדער אָרט און אין אַלע ערטער און אין אַלע דורות, אז זיי זאָלן אַריינברייננגן די שמחה ביי זיך אין האַרצן, אַריינברייגן די שמחה של מצווה אין די הארצן פון ״לב אבות״ פון זייערע עלטערן אין זייער הויז,

און דאָס וועט אַריינברייננגן די אמת׳ע שמחה אין דער גאַנצע וועלט, וואָס דער אמת׳ער שמחה פון דער וועלט איז דאָך ״אז ימלא שחוק פינו״ דווקא דעמאָלט, אז ס׳וועט זיין דעם ״בשוב ה׳ את שיבת ציון״ בשעת דער אויבערשטער נעמט אידן אַרויס פון גלות,

און דאָס נעמט ארויס דער גאַנצע וועלט פון איר גלות, דורך דערויף וואָס יעדער אידישער קינד נעמט זיך אַרויס פון דעם גלות פון זיין גוף, און פון דעם גלות פון זיינע קינדער וואָס געפינען זיך אַרום עם וואָס ״אתם המעט״ וואָס דער ניט-אידישער קינדער זיינען גרעסער אין צאָל פון אידישע קינדער, איז ניט נאָר ער גייט זיי ניט נאָך, נאר ער באַווייזט זיי דעם וועג ווי אַזוי ס׳דאַרף זיין און גיין און אָפּהיטן ״דרך הוי׳״, און ער באַווייזט דאָס אין טאָג-טעגלעכן לעבן, וואָרום ער ציילט די טעג און דאָס ברייננגט עם צו ציילן די חלקים פון די טעג – די שעות און דער רגעים, אז (ס) זאָל זיין אָנגעפילט אז יעדער (רגע) טאָג און יעדער טייל פון טאָג זאָל זיין אָנגעפילט מיט תורה און מצוות – מיט אידישקייט,

און אָט-דאָס ברייננגט – ווי גערעדט פריער – צו דעם אַרויסקומען פון גלות בשמחה ובטוב לבב.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.